**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/5/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 250 מיליאן דאלארדיגע RESTORE NEW YORK אפליקאציע תקופה צו געעפנט ווערן אום יולי 11**

***שטיצט דאס אויפלעבונג פון קאמיוניטיס דורכן איבערמאכן אדער עלימינירן פארלאזטע געביידעס***

***רעגיסטרירט זיך [דא](#) פאר א וועבינאר קלאס מיט אנווייזונגען וואס וועט אפגעהאלטן ווערן מיטוואך, יולי 13, 10:00 AM***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די Restore New York (ברענג צוריק ניו יארק) גרענט פראגראם וועט זיך עפענען אום יולי 11. די 250 מיליאן דאלארדיגע פראגראם ערמוטיגט קאמיוניטי דעוועלאפמענט און וואוקס פון געגנטער דורך דאס עלמינירן און איבערמאכן פארלאזטע געביידעס. Restore New York איז אפן פאר לאקאלע רעגירונגען צו שטיצן פראיעקטן וואס זענען קאנצעטרירט אויפן צעווארפן, איבעמאכן און צוריקברענגען געביידעס פאר מענטשן צו וואוינען, פאר ביזנעסער אדערביידע. דער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז אויסגעשטעלט צו העלפן לאקאלע רעגירונגען צו אויפלעבן זייערע קאמיוניטיס און ערמוטיגן ביזנעס אינוועסטירונג, פארגרעסערן די צאל פון לאקאלע האוזינג, צוריקלייגן פראפערטיס אויף די ליסטע פון די וואס צאלן שטייערן און העכערן די לאקאלע שטייער באזע. גרענטס וועלן פארטיילט ווערן אין צוויי רונדעס דעם יאר, מיט 100 מיליאן דאלאר זייענדיג צו באקומען אין די ערשטע רונדע און 150 מיליאן דאלאר אין די צווייטע רונדע.

"איך בין ארומגעפארן צו יעדע ווינקל פון די סטעיט, און איך האב געזעהן ערשט-האנטיג די פאטענציאל וואס ליגט אין אזויפיל פון ניו יארק'ס פארלאזטע און פארעלטערטע געביידעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שטחים האבן אמאל געהאט א צוועק, און יעצט זענען זיי אין נויט פון פינאנצירונג און א ווייטע בליק אויף פאראויס ארייננצובלאזן א נייע חיות אין לאקאלע געגנטער. Restore New York פינאנצירונג גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען די רעסאָרסן צו טראנספארמירן פארלאזטע און פארנאכלעסיגטע פראפערטיס, העלפנדיג צוריקבויען און פארשטערקערן קאמיוניטיס ארום די סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָפּ נייט האט געזאגט,** "Restore New York גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען ברענגען אן עכטע טויש צו זייערע קאמיוניטיס, באזונדערס אין זייערע שטאטישע צענטערן. דורכן אוועקנעמען אדער איבערמאכן די שטאך אין אויג וואס ציהט אראפ א געגנט, האבן לאקאלע געגנטער א געלעגנהייט צו אויפלעבן זייער קאמיוניטי און אויפטרייבן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן."

די ציהל פון Restore New York איז צו העלפן צוציהען איינוואוינער און ביזנעסער דורכן איבערמאכן פראפערטיס צו וואוינען, פאר ביזנעס און פאר ביידע צוזאמען. יעדער פראיעקט דארף זיין איינשטימיג

מיט די ראיאנישע סטראטעגישע פלאן פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council) און פראיעקטן דארפן אריינפאסן פון אין ארכיטעקטורישע געביטן מיט די ארומיגע פראפערטיס אדער איינשטימיג מיט די לאקאלע רעגירונג'ס לאקאלע אויפלעבונג אדער שטאטישע אנטוויקלונג פלאן.

פינאנצירונג קען גענוצט ווערן פאר ליידיגע, פארלאזטע, סכנות'דיגע אדער געוועזענע רעגירונג'ס געביידעס, און די פראפערטיס קענען צעווארפן אדער צונומען ווערן און איבערגעמאכט אדער איבערגעבויט ווערן. א דגש וועט געלייגט ווערן אויף פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע קאמיוניטיס, פראיעקטן וועלכע נוצן אויס אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע איבערבויאונג געלטער און לויט די פראיעקט'ס אויסזיכטן פאר הצלחה און גרייטקייט. בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכענען אריין קאונטיס, סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס אין ניו יארק סטעיט באזירט אויף די פאלגנדע קריטעריאנען:

- סיטיס מיט באפעלקערונגען העכער פון 100,000 קענען אפלייען פאר ביז אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר פאר איין פראיעקט. סיטיס וואס האבן איבער באפעלקערונגען העכער פון 1 מיליאן מענטשן און קאונטיס מוזן אפלייען פאר פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע געגנטער פון די סיטי
- סיטיס און ווילעדזשעס מיט באפעלקערונגען צווישן 40,000 און 99,999 קענען אפלייען פאר איין פראיעקט פאר ביז אזויפיל ווי 3 מיליאן דאלאר
- אלע אנדערע לאקאלע רעגירונגען קענען אפלייען פאר איין פראיעקט פאר ביז אזויפיל ווי 2 מיליאן דאלאר

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועט מעגליך שענקן א באגרעניצטע צאל פון ספעציעלע גרענטס. לאקאלע רעגירונגען מיט באפעלקערונגען פון 100,000 אדער ווייניגער און קאונטיס מיט באפעלקערונגען מיט 400,000 אדער ווייניגער קענען אפלייען פאר נאך 10 מיליאן דאלאר פאר א צווייטע, באזונדערע פראיעקט, אדער פאר טייל פון א גרעסערע פראיעקט, אין צוגאב צו די פינאנצירונג מאקסימום וואס איז אויסגערעכנט געווארן אויבן. ספעציעלע פראיעקטן זענען אזעלכע וואו די פראפערטי מאכט אן ערנסטע עקאנאמישע שאדן פאר די קאמיוניטי, איבערלאזנדיג אן אנזעהבארע, פארלאזטע פראפערטי אדער פראפערטיס אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט פון א שווער-אדער-מעסיג געפלאגטע קאמיוניטי וואס האט געהאט א נעגאטיווע ווירקונג אויף די אלגעמיינע עקאנאמישע אנטוויקלונג פאטענציאל פון די קאמיוניטי.

א בויגן דארף אויסגעפילט ווערן מיט די כוונה צו אפלייען און עס מוז ערהאלטן ווערן דורך ESD ביז אוגוסט 11, 2022. פאר מער דעטאלירטע אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און פאדערונגען, באזוכט https://esd.ny.gov/restore-new-york. די RFP און פולע אנווייזונגען וועלן פארעפענטליכט ווערן אום יולי 11.

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "פארלאזטע געביידעס זענען א פלעק אויף אונזער קאמיוניטי און עס איז א לאך אין די לאקאלע רעסאָרסן, דערפאר, יעדע מאל וואס מיר קענען אויפלעבן א פראפערטי און עס צוריק ארויפברענגען אויף די ליסטע פון שטייער-צאלנדע פראפערטיס איז דאס א געווינס פאר אונז אלע. די Restore New York פראגראם וועט באקעמפן שימל און העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך צו ערהוילן פון די פאנדעמיע תקופה, און איך ערמוטיג יעדע לאקאלע רעגירונג צו לערנען מער און אפלייען פאר געלטער צו העלפן פאראויס רוקן ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע פראגראם וואס וועט פונדאסניי אויספארעמען אונזערע געגנטער און צוריקברענגען לעבעדיגקייט צו געוועזענע חורבות'דיגע

פראפערטיס. עס איז געווי אזעלכע געלעגנהייטן וואס ברענגען צוריק ניו יארק און ערלויבן מער דזשאבס פאר אונזערע פאמיליעס. א דאנק אייך, גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, פארן פארזעצן אונז צו העלפן זיך צו רוקן אין די ריכטונג פון אן אינקלוסיווע און יושר'דיגע עקאנאמישע ערהוילונג."

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אנטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפונג און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און .www.esd.ny.gov

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן